הירש גליק

24 April 1922 – July 1944

# שטיל, די נאַכט איז אויסגעשטערנט

שטיל, די נאַכט איז אויסגעשטערנט,
און דער פֿראָסט, האָט שטאַרק געברענט.
צי געדענקסטו, ווי איך האָב דיך געלערנט.
האַלטן אַ שפּײַער אין די הענט?

אַ מויד, אַ פּעלצל און אַ בערעט,
און האַלט אין האַנט פֿעסט אַ נאַגאַן, -
אַ מויד מיט אַ סאַמעטענעם פּנים
היט אָפּ דעם שונאס קאַראַוואַן ...

געצילט, געשאָסן און געטראָפֿן
האָט איר קלײנינקער פּיסטויל –
אַן אויטאָ, אַ פֿולינקן מיט וואָפֿן,
פֿאַרהאַלטן האָט זי מיט איין קויל ...

פֿאַר טאָג פֿון וואַלד אַרויסגעקראָכן,
מיט שניי־גירלאַנדן אויף די האָר,
געמוטיקטע פֿון קלײנינקן נצחון
פֿאַר אונדזער נײַעם, פֿרײַען דור!

# זאָג ניט קיין מאָל

זאָג ניט קיין מאָל, אַז דו גייסט דעם לעטצן וועג,
כאָטש הימלען בלײַענע פֿארשטעלן בלויע טעג, -
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס´וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט – מיר זײַנען דאָ!

פֿון גרינעם פּאַלמענלאַנד ביז ווײַסן לאַנד פֿון שניי
מיר קומען אָן מיט אונדזער פּײַן, מיט אונדזער וויי,
און ווּ געפֿאַלן איז אַ שפּריץ פֿון אונדזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבֿורה, אונדזער מוט!

ס´וועט די מאָרגנזון באַגילדן אונדז דעם הײַנט,
און דער נעכטן וועט פֿארשווינדן מיטן פֿײַנט;
נאָר אויב פֿאַרזאַמענ וועט די זון און דער קאַיאָר,
ווי אַ פּאַראָל וועט גיין דאָס ליד פֿון דור צו דור!

דאָס ליד געשריבן איז מיט בלוט און ניט מיט בלײַ,
ס´איז ניט קיין לידל פֿון אַ פֿויגל אויף דער פֿרײַ, -
דאָס האָט אַ פֿאָגל צווישן פֿאַלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגענ מיט נאַגאַנעס אין די הענט! ...

טאָ זאָג ניט קיינ מאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
כאָטש הימלען בלײַענע פֿאַרשטעלט בלויע טעג;
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה –
עס וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: מיר זײַנען דאָ!